# פיניעלע מזיק
## גיט רשות



ניין, הערירט עץ יאטן, אב אידיי וואך גיגאט א וואך! אב איך גיקאכט. כאדער גימיינט, אז איך על אעטראסקעט ווערן פון גילאכטער.

מיוויסך ווי איך בין גיוועז? אף א זיצינך פון די וואס גייען אין די האוער.

צ'מיינט עפעטשער פון די וואס גייען באך בידר־וועס? אך! פון די ווערטסלאט, וואס גייען אין זייערע אייגענע האוער, וואס זיבן אין די סאנדיס און ווארפן א־דערע באליטער מיט די סעקסימיסיעס.

כאב גילייגט אין פאליקסבלאט אז ס'עט זאן א זיצעכץ פון די ווערטסלאט, און אז מעט רעדן וועגן זייער קינאמישער לאגע, אב איך מיך אראב־גיכאפט און זייער פריינד (געמיינט: פעראיין) און אב מיך צוגעוואריכט צו זייערע צאריס נעביך!

כ'זוג ענק, יאיין, אב איך מיך דארט אף דעם זיצעכץ גיבאוויעט, א סאך בעסער ווי אין קינע־מאטאגראף בא פליפ און פלאפן.

צ'ווייסך כאדושביג, וואס זיי אנע גירעדט? זיי אבן גיוויינט מיט פלאמען יאען, א'ינעד אט גי־זאגט, אז ער אט ניש קא שטיקל ברויט, אט עס גיך אויפגירעיגט, אז ס'איז מיר אזשיג וויך גי־ווארן באן הארץ. א צווייטער אט גיזוגט, אז ער אט ניש אף קא מיטיג, אב איך גיוואלט וויינען פין די צאריס.

אוי, הערירט עץ. אבן זיי גיוויינט! זיי אבן אזוי גיהעשיט, אז די גוידערס אבן זיך זיי גישאר קעלט. איך אלייבט בין גיזעסן אין א ווינקעל און בין שיער ניש ציפלאצט גיווארן פון גילעכטער.

עץ וויל איך טאקיש עפיס טין פאר די אריימע ווערטסלאט. צ'ווייסך כאדושביג וואס איך וויל טין? כ'על מיך זעצן מיטן פרעזוס פון נויסן לעיכים און כעל פארלאנגן מ'זאל די הינגעריגע ווערטסלאט געבן יעדן טוג א הייסן קרופניק מיט א ביין, שאבים און טוימכעי אריכים על זיי קריגן טשולנט מיט קישקע אבעט.

דערוואל אצין מיר א גיטן קארצן פראטיג, זאצין מיר גיזינט אין דעם שאבים על איך מע'טשעם סקינטשען און בערל־שמע'ל טעאטער — ס'עז זיך עפיס טיען!

# אונזער „קונדס‟־ענציקלאפעדיע

### פון סאקראטעס

א קלוגער זאגט וואס ער פערשטייט,
א נאר — וואס אים מויל איז גרייט.

---

ווען מען בעהמט א קינד שלאגען,
כדט מען איהם פון הויז פעריאגען.

---

לעבענס־ערפאהרונג און טיפער פערשטאנד,
זענען מעכטיגער ווי די שטארקסטע האנד.

---

שווער איז דעם שכור צו טראגען א ליידיגע פלאש,
נאך שווערער איז דעם ביטערן צו טראגען א ליידיגע טאש.

---

די מענשען זענען פון לשון הרע רעדן נישט ריין,
ווייל אלץ זעהט דאס אויג, אויסער זיך אליין.

---

נאך דער חתונה ליגט די ליבע נישט אין זין,
ווייל אויב די ליבע איז א קרענק, איז די חתונה די מעדיצין.

---

שווער צו הויזען,
מיט א ווייב, וואס טראגט די הויזען.

---

א מאדערנע פרוי מיט א מאדערנעם סוחר
איז א גלייכע פאר
בידע בויטיגען זיך אין א — באדואר.

סאקראטעס.

---

## א מאדערנער רעסטאראן

— איהר ווייסט, דער רעסטאראן, דער „רויטער אינדיק‟ איז זעהר א מאדערנער.
— מיט וואס?
— די הייצר. וואס איך געפין אין דער ... זע־נען איבעריג בלאנדינע.

---

## ברויט און וואסער
### געשפרעך צווישען א פארל

זי: איך בין גרייט מיט דיר חתונה צו האבען, ווען ס'זאל מיר אפילו אויסקומען צו לעבען מיט ברויט און וואסער.

ער: דו וועסט דיך בעמיהען ווענען ברויט, און איך וועל זארגען וועגען וואסער...

---

## גנב'ענען און לאזען גנב'ענען
### אמאל און היינט

אמאל האט מען געזאגט: „לעבען און לאזען לעבען‟ — היינט זאגט מען: „גנבענען און לאזען גנבענען‟.

---

# דברים ככתובים
## ווערטער ווי קלעצער

פיל פרויען מוזען געהן צום גט,
ווייל דער שכל קומט צו שפעט.

---

א גנב איז דער בעסטער דאקטאר אויף דער וועלט,
ער ווייס באלד וואס יעגעם פעהלט.

---

ביסטו וואס לענגער חתן ביסטו א לייט,
ווייל אויף צו בלייבען מאן און ווייב, בלייבט דיר ווייניגער צייט.

---

רופט דיך דיין כלה: מיין אוצר, טא האט זי שוין דעם בעגריף,
אז נאך דער חתונה וועט זי דיך בעגראבען טיף.

---

ס'איז די גרעסטע צרה אין סאנאר־געביט,
וואס די יודען זענען דארט אין דערמיט.

---

דער אינטערנאציאנאל קארפוס אין סאארגעביט אפצוהיטען די ארדנונג ביים פלעביסציט
קאן יעקען געוויס נישט שמעקען,
ווייל ס'איז א פסוק מיט א שטעקען.

סאקראטעס.

---

## ווער ווייסט?
### שמועס צווישען שכנ'טעס

ערשטער: זי האבען געהערט? אונזער וויקט, דער אלטער דאן זשואן, וואס איז שוין א טאטע פון דערוואקסענע קינדער, האט זיך פערלאפען אין דער פאקאוויבקע איבער די אויערען.

צווייטע: נו, וואס וועט זיין?

ערשטע: מ'ווייסט נאך נישט, וואס זי איך דאך ערשט היינט געגאנגען אין קימפעטארין קליניק אריין.

---

## אוי, פאשען זיי זיך!

פאבריקאנט (פון א לאדזער רייכען פאבריקאנט צו איהר חתן): דו הערסט, מאריצעק, אז איך וועל האבען קינדער, וועל איך זיי אליין בעהרען.

חתן: צו וואס? פאבריקאנטסקע קינדער ווערען געפאשעט פון די פאבריק־ארבייטער.

---

## אנאנס

א קעכין מיט העכערע אקאדעמישע בילדונג זוכט א פאסטען ביי אנ'אנשטענדיגער פאמיליע.

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט‟ נומער 294 פרייטאג, דעם 21 דעצעמבער 1934

## יא ווינטער — נישט ווינטער



איין העלפט לויטן לוח, די צווייטע העלפט לויטן וועטער...

